**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען אין די פינסטערע טעג פאר די צווייטע וועלט קריג. זייט ווען אותו רשע ימ״ש האט אנגעהויבן צו הערשן איבער דייטשלאנד אין תרצ״ג, האט מען צוביסלעך אנגעהויבן צו באגרעניצן די רעכטן פון אידן אין דעם פארשאלטענעם דייטשען לאנד. איבעראל אין דייטשלאנד האט מען געמאכט שווער די לעבן פון אידן. למשל, די רעגירונג האט געאסרט געהעריגע שחיטה. די דייטשע האבן פארלאנגט אז מען מוז קודם איינשלעפן דעם הון אדער בהמה פאר מען שחט עס. די פראצעדור האט מען גערופן "ניי כשר."

לײדער זענען עטליכע אידישע משפחות דורכגעפאלן און זיי האבן געגעסן די "ניי כשר," אבער עס איז געווען אסאך אידן וואס האבן זיך געהאלטן פעסט און זיי האבן נישט געקויפט די פלייש. איין משפחה וואס האט נישט געגעסן די פלייש איז געווען די כהן משפחה אין בערלין. דער טאטע ר' דוד צבי כהן האט פארבאטן זיין בני משפחה פון עסן די פלייש. ער האט געהייסן פאר זיין בני בית אז מען זאל גיין קויפן לעבעדיגע הינער. דאן האבן זיי די טשיקענס אהיימגעברענגט און באהאלטן ביז מען האט גערופן דעם שוחט וואס איז געקומען שטילערהייט צום הויז. דער שוחט האט געשחטן די הינער לעבן דעם בעט אין דעם שלאף צימער אין דעם כהן הויז, וואו קיינער וועט נישט געוואר ווערן דערפון. ווייל טאמער די דייטשע ימ״ש וואלטן אנטפלעקט א איד שחטן טשיקענס, וואלט דער איד באצאלט מיט זיין לעבן! עס איז נישט קיין פלא אז די רשעים האבן מער מקפיד געווען אויף די לעבן פון חיות ווי פון אידן. אפאר יאר נאכדעם האבן די דייטשע בכלל געאסרט אידישקייט און ליידער ווייסן מיר אלע ביז וואו די רדיפות זענען אנגעקומען.

בקיצור, ר' דוד צבי כהן האט זיך געהאלטן פעסט קעגען דעם פריצות הגדר אין כשר'ע פלייש. עס איז נישט געווען קיין פלא ווייל דער תלמיד חכם ר' דוד צבי איז באקאנט געווען מיט זיין יראת שמים און פרישות. דער חידוש איז אבער געווען אז ר' דוד צבי איז געווען א סגי נהור, ער איז נעבאך בלינד געווארן אין די יונגערע יארן, ווען ער איז קראנק געווארן מיט א געוויסע מחלה. דורך אלעס איז ער אבער אויפגעוואקסן צו זיין אן ערנסטער עובד השם.

ווען ר' דוד צבי איז נעבאך געווארן בלינד אלס יונגל, זענען זיינע עלטערן געפארן קיין וויען זיך צו מייעץ זיין וועגן דוד צבי'ס מצב מיט א פראפעסאר (אזוי האט מען גערופן גרויסע דאקטוירן דעמאלט). דער דאקטאר האט זיי געזאגט אז ער קען מאכן די אפעראציע און עס איז דא א פופציג פערצענט טשאנס אז דאס קינד וועט צוריקבאקומען דאס זען, אבער טאמער די אפעראציע וועט נישט מצליח זיין וועט עס שעדיגען דוד צבי'ס מח, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

ר' דוד צבי'ס טאטע ר' חיים יעקב ע״ה איז געווען א חסיד פון דעם פלאנטשער רב זצ״ל. (דער פלאנטשער רב זצ״ל איז געווען דער טאטע פון די סאטמאר רביצין ע״ה.) פון דייטשלאנד קיין פוילען זענען געפארן דוד צבי'ס עלטערן צו פרעגן וואס מען זאל טון מיט דעם בלינד יונגעל. דער פלאנטשער רב זי״ע האט זיי געזאגט אז מען זאל נישט מאכן די אפעראציע. נאכדעם האט דער רב אנגעוואונשן און געזאגט אז זיי זאלן נישט מורא האבן, ווייל ער וועט חתונה האבן און עס וועט ארויסקומען פון אים לעכטיגע דורות.

די ברכה איז טאקע מקוים געווארן. דוד צבי האט חתונה געהאט און ער האט אויפגעשטעלט א שיינע אידישע שטוב. זיין פרנסה איז געווען א ספרים געשעפט. אפילו ער איז געווען בלינד, האט ער נאכאלץ געקענט טרעפן יעדע ספר, ווייל ער האט געדענקט פונקטליך וואו מען האט פאר אים אלעס אוועקגעלייגט אויפן שאנק. חוץ דעם האט ער געגעבן שיעורים און ער איז געווען א בעל עצה פאר אסאך אידן.

איין טאג נאך פאר די מלחמה, ווען דאס רשעות פון די דייטשע רעגירונג האט שוין אנגעהויבן צו ווערן גאר שטארק, איז דער כהן'ס זון חיים יעקב געווארן נישט געזונט, ל״ע. דאס קינד האט געהאט אן "בלינדע קישקע (אפענדיקס) אטאק." ער איז געווען דעמאלטס 12 יאר אלט. ר' דוד צבי'ס רביצן מרס. כהן האט גענומען דעם יונגל מיט זייער טאכטער אסתר (ביללער שתחי') צו ברענגען דעם קראנקען קינד צום שפיטאל. חיים יעקב איז נעבאך געווען אזוי שוואך, אז מרס. כהן מיט איר טאכטער האבן אים געדארפט ממש שלעפן צום שפיטאל.

ווען די דריי זענען אריינגעגאנגען צום שפיטאל, האבן די דייטשע דאקטוירן און קראנקען-שוועסטערן זיי פארטריבן פון דארט, שרייענדיק "יודען ארויס! יודען ארויס!" נאכדעם זענען זיי געגאנגען צו אן אנדערע דייטשע שפיטאל אין בערלין, אבער די זעלבע זאך האט זיך איבערגעחזרט. זיי זענען ארויסגעגאנגען אויפן גאס מיט חיים יעקב וואס האט געליטן פון שטארק ווייטאג, ל״ע. זיי האבן נישט געוואוסט ווי לאנג ער וועט קענען אויסהאלטן. מרס. כהן האט מתפלל געווען צום אייבערשטען אז זיי זאלן געהאלפן ווערן.

ב״ה אירע תפילות זענען געענטפערט געווארן, ווייל ווען מרס. כהן מיט איר טאכטער זענען ארויסגעקומען מיט דעם חולה צום גאס, איז גלייך אנגעקומען א קאר, וואס א גוי האט געפירט. דער גוי האט אפגעשטעלט דעם קאר און מרס. כהן איז צוגעגאנגען צו אים און זי האט אים געבעטן אז ער זאל זיי ברענגען צום אידישן שפיטאל וואס איז בערך א שעה אוועק אין דרויסן פון בערלין. הפלא ופלא, האט דער גוי טאקע מסכים געווען.

אויפן וועג צום שפיטאל האט דער יונגל חיים יעקב'ס אפענדיקס נעבאך געפלאצט און פארשטייט זיך אז דער מצב איז געווארן גאר ערנסט. ווען זיי זענען סוף כל סוף אנגעקומען צום אידישן שפיטאל, האט מען גלייך אפערירט אויף אים. די דאקטוירן האבן געדארפט אים עפענען אין עטליכע פלעצער כדי צו אפשטעלן דעם גיפט פונעם געפלאצטע אפענדיקס כדי דאס גיפט זאל נישט אנקומען צו זיין הארץ. ב״ה אז די דאקטוירן האבן געהאט סייעתא דשמיא און זיי זענען געווען די ריכטיגע שלוחים צו ראטעווען זיין לעבן. אבער ער איז נאכאלץ געווען שוואך און ער האט נאכאלץ געדארפט א ישועה צו קענען דורכלעבן דעם אטאק.

עס איז געווען ערב שבת. פאר זיי זענען אהיימגעפארן פאר שבת, האט דער פרייער אידישער דאקטאר געזאגט צו מרס. כהן, אז דער יונגעל דארף האבן כח, און מען מוז אים געבן חזיר פלייש צו עסן. מרס. כהן האט זיך געגעבן א שטעל אפ און אים געענפערט, "חזיר פלייש?!? שטארבן זאל ער! אבער חזיר פלייש וועט ער נישט עסן!" מיט די ווערטער האבן זיי אים אהיימגעברענגט.

זי האט געהייסן אז יעדער איינער אין די משפחה זאל זאגן תהלים פארן חולה. איר ליכט בענטשן האט גענומען א שעה, ביז זי האט געענדיגט אויסבעטן. שבת אינדערפרי איז מרס. כהן אריינגעגאנגען צו יעדן שול אויף גרענעדיר שטראסע אין דעם אידישן געגענט און זי האט אויסגערופן "בעטס פאר חיים יעקב בן שרה זיסל! בעטס פאר חיים יעקב בן שרה זיסל!" צוביסלעך האט זי געהאט די גאנצע קהילה זאגן תהלים פארן קינד. ב״ה אז דער יונגל האט געהאט א רפואה שלימה.

אפאר חדשים שפעטער האבן די אידישע דאקטוירן געמאכט אן אסיפה. זיי האבן גערופן דעם קינד חיים יעקב צו קומען. ביי דער אסיפה פון דאקטוירן האט דער דאקטאר ארויפגעשלעפט חיים יעקב'ס העמד צו ווייזן פאר די פארזאמלונג די פיעל צייכנס פונעם אפעראציע אויף חיים יעקב גוף כדי צו ווייזן ווי ערנסט די אפעראציע איז טאקע געווען. די דאקטוירן האבן זיך געוואונדערט אז דאס קינד האט איבערגעלעבט דעם אפענדיקס אטאק. דער הויפט דאקטאר האט נישט געהאט קיין הסבר אויף דעם. די כהן משפחה האט אבער געוואוסט אז דאס קינד איז גראטעוועט געווארן דורך די תפילות און זייער מקפיד זיין אין כשרות.

חיים יעקב האט ב״ה איבערגעלעבט די מלחמה און ער האט זוכה געווען צו האבן קינדער און אייניקלעך. נעבאך ר' דוד צבי מיט זיין רביצן זענען אומגעקומען עק״ה אין די מלחמה, הי״ד. אבער זייער טעכטער זענען געראטעוועט געווארן און זיי האבן אויך זוכה געווען אויפצושטעלן שיינע אידישע דורות, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן געזונטערהייט. עטליכע חשובע אייניקלעך פון זיי וואוינען צווישן אונז.

עס שטייט אין די היינטיגער פרשה, "ואת החזיר וגו'... טמא הוא לכם. מבשרם לא תאכלו..." און דעם חזיר איז טמא פאר אייך, פון זיין פלייש זאלט איר נישט עסן. מיר פרומע אידן האבן נישט דעם נסיון פון עסן נישט כשר'ע פלייש, ווייל עס איז א זאך וואס איז שטארק איינגעבאקן אין אונזערע נשמות. אבער מען קען אפלערנען פון דעם מעשה די מסירת נפש וואס מען מוז האבן וועגן עסן נאר די עסן וואס איז בתכלית הכשרות. לכתחילה, וואלט מען נאר געגעסן דאס וואס מען מאכט אינדערהיים. אבער, טאמער מען מוז קויפן פונעם געשעפט, מוז מען קוקן אויף יעדע זאך צו מאכן זיכער אז עס האט די בעסטע הכשר וואס איז דא צו באקומען. דורך מקפיד זיין אויף כשרות וועלן מיר אלע אי״ה זוכה זיין צו אלע השפעות טובות. **גוט שבת אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)**
**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**